עצה און חסד, וואָס איז אונז געשענקט געוואָרן
10 אינם משיח ישוע פֿאַר אייביקע צייטן, און איז איצט
אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דער דערשיינונג פֿון
אונזער גואל משיח ישוע, וועלכער האָט צונישט
געמאַכט דעם טויט און געבראַכט צום ליכט דאָס
לעבן און די אומפֿאַרדאַרבלעכקייט דורך דער
11 גוטער בשורה, פֿאַר וועלכער איך בין באַשטימט
געוואָרן אַלס אַן אָנזאָגער, און שליח, און מלמד פֿון
12 די אומות־העולם. צוליב דער סבה לייד איך טאַקע
די דאָזיקע זאַכן; דאָך שעם איך מיך נישט; וואָרום
איך ווייס אין וועמען איך האָב געגלויבט, און האָב
מיך איבערצייגט, אַז ער איז אימשטאַנד אָפּצוהיטן
13 מיין פּקדון ביז צו יענעם טאָג. האַלט דיך ביים
פֿאָרבילד פֿון געזונטע ווערטער, וועלכע דו האָסט
געהערט פֿון מיר, אין גלויבן און אין ליבע, וואָס
14 איז אין משיח ישוע. היט אָפּ דעם גוטן פּקדון דורך
דעם רוח הקודש, וועלכער וואוינט אין אונז.
15 דאָס דאָזיקע ווייסטו, אַז פֿון מיר האָבן זיך אָפּגע־
קערט אַלע, וואָס געפֿינען זיך אין (קליין) אַזיען,
צווישן וועלכע עס זענען פֿיגעלוס און הערמאָגענעס.
16 זאָל דער האר שענקען רחמים צו דעם הויזגעזינט
פֿון אָנעסיפֿאָרוס; ווייל אַ סך מאָל האָט ער מיך
דערקוויקט, און זיך נישט געשעמט מיט מיינע
17 קייטן, נאָר קומענדיק קיין רוים, האָט ער מיך
18 פֿלייסיק אויפֿגעזוכט און געפֿונען—זאָל אים דער
האר (ישוע) געבן, אַז ער זאָל געפֿינען רחמים ביים
האר (גאָט) אין יענעם טאָג—און וויפֿל ער האָט
מיר געדינט אין עפֿעזוס, ווייסטו גאַנץ גוט.